

מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספריו וכתביו הק' ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש



## מוסר חיים לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### נישטא נאך אזא הילפבארע עצה קעגן דעם יצר הרע ווי לימוד התורה

בדרך רמז זאגט דער רבי אויף די פסוקים פון אנפאנג פרשה, אז **"ויצא יעקב מבאר שבע"** איז רומז אויף די נשמה וואס קומט אראפ פונעם עולם העליון, און ער באקומט גלייך א יצר הרע מיט וועמען ער דארף האלטן א שטענדיגע מלחמה. **"ויפגע במקום"** מיינט צו זאגן אז מ'דארף אויף דעם אסאך בעטן דעם אויבערשטן אז מ'זאל זוכה זיין מכניע צו זיין דעם יצר הרע.

קומט דער פסוק זאגן, אז די וועג צו קענען געווינען דעם יצר הרע איז מיט דריי באקאנטע עצות וואס די גמרא זאגט אין ברכות (ה:); **"אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ, לְעוֹלָם יַרְגִּיז אָדָם יֵצֶר טוֹב עַל יֵצֶר הָרָע... יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה!... וְאִם לָאו יִקְרָא קְרִיאַת שְׁמַע!... וְאִם לָאו יִזְכּוֹר לוֹ יוֹם הַמִּיתָה!..."** און די גמרא טייטשט עס איין אינעם פסוק (תהלים ד, ה) **"רִגְזוּ וְאַל תֶּחֱטָאוּ אִמְרוּ בִלְבַבְכֶם עַל מִשְׁכַּבְכֶם וְדֹמּוּ סֶלָה"**.

דאס איז מרומז דא אין פסוק; **"וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם"** - איז רומז אויף די ערשטע עצה: **יעסוק בתורה**. ווייל די דברי תורה זענען ווי **שטיינער** וואס בויען ווערלטן! אזוי אויך זענען די דברי תורה ווי **שטיינער** וואס טוען פארשטיינערן און צוברעכן דעם יצר הרע מיט זיינע חיילות. אזוי ווי די גמרא זאגט (סוטה כא.) אז די תורה איז מציל פונעם יצר הרע סיי בשעת ווען מ'איז עוסק אין איר און סיי ווען מ'איז נישט עוסק אין איר.

נאכדעם שטייט; **"וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו"** - דאס ווייזט אויף די צווייטע עצה פון **יקרא קריאת שמע**, אז ליינען **קריאת שמע שעל המטה** [**מראשותיו** = צוקאָפּנס פונעם בעט] העלפט אויך צו באזיגן דעם יצר הרע. נאכדעם שטייט; **"וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא"** - דאס איז רומז אויף די דריטע עצה פון **יזכור יום המיתה**, דעם טאג אין וועלכע מ'לייגט אים אויף די באוואוסטע פלאץ - די 'בית מועד לכל חי'. נאך די דריי עצות איז דער מענטש פארזיכערט אז ער וועט מנצח זיין דעם יצר הרע און מער נישט זינדיגן.

אבער אפילו ס'איז דא 3 עצות, קענען נישט די לעצטע צוויי עצות העלפן אָן די עצה פון **"לימוד התורה"**. אויב איינער וועט נאר פרובירן 'קריאת שמע' און 'יזכור יום המיתה' אָן 'לימוד התורה' וועט ער גארנישט אויפטון. **ווייל ס'איז נישטא נאך אזא עצה וואס איז מציל פונעם יצר הרע אזוי ווי לימוד התורה!** נאר צומאל אויב דאס אליינס איז נישט גענוג, דארף מען אויך צולייגן די אנדערע 2 עצות וואס קענען "צוהעלפן" מכניע צו זיין דעם יצר הרע.

אזוי שרייבט דער רבי אין זיין ספר **חפץ ה'** אז די לשון הגמרא דארט אין ברכות **"נִצְחוֹ מוּטָב"** איז לכאורה איבעריג, ווייל ס'וואלט געווען גענוג ווען ס'שטייט ווען נאר **"ואם לא נצחו יקרא קריאת שמע"** - אויב די ערשטע עצה האט נישט געהאלפן זאל ער טון די צווייטע עצה? איז דער רבי מסביר, אז דאס וויל אונז די גמרא לאזן הערן, אז אויב **"נצחו"** איז שוין **"מוטב"**! דאס הייסט אויב די עצה פון **"יעסוק בתורה"** האט גענווירקט ער זאל פטור ווערן פונעם בעל דבר דארף ער שוין נישט פרובירן די אנדערע 2 עצות, ווייל ער האט שוין געהאט די תועלת פון די בעסטע עצה. נאר **"ואם לאו"** - אויב דאס אליינס האט נאכנישט געהאלפן, דעמאלטס זאל ער גיין צו די נעקסטע עצה.

מיט דעם ווערט אויך פארענטפערט די קשיא וואס אסאך פרעגן; אויב **"יזכור יום המיתה"** איז די בעסטע עצה, ווי מ'זעט אז נאכדעם שטייט שוין נישט "ואם לאו" - אז דאס האט נישט געארבעט, פארוואס זאל מען עס נישט נוצן לכתחילה די ערשטע? נאר ווייל די אלע אנדערע עצות - אָן תורה - וועט זיכער נישט העלפן! **אלעס איז נאר גוט צוצוהעלפן צו די עצה פון יעסוק בתורה!**

## פניני חיים פנינים מובחרים מעובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל – לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא.** (כח, יא)

די תורה זאגט אז יעקב אבינו איז געשלאפן **"במקום"** אויף דעם פלאץ, מרמז צו זיין וואס חז"ל זאגן (בראשית רבה סט, ד) אז דער אויבערשטער האט צוזאמגעלייגט גאנץ ארץ ישראל אונטער יעקב. וועגן דעם שטייט **"וישכב במקום"** אז ער איז אינגאנצן געשלאפן אויף דעם פלאץ. אזוי שטייט אויך ווייטער (פסוק יג) **"הארץ אשר אתה שוכב עליה"** אז יעקב אבינו איז געשלאפן **אויף גאנץ ארץ ישראל** ווייל די גאנצע לאנד איז געווען איינגעוויקלט אונטער אים.

•

**אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה וְאָנֹכִי לֹא יָדָעְתִּי.** (כח, טז)

וואס איז שלעכט אז ער האט נישט געוואוסט? זאגט רש"י, אז אויב ער וואלט געוואוסט וואלט ער נישט געשלאפן אויף אזא הייליג פלאץ! קען מען אבער ענטפערן אויף דעם: און אויב דו וואלסט נישט געשלאפן דא וואלסטו דאך נישט זוכה געווען צו אזא הייליגע נבואה?!...

נאר יעקב אבינו איז אנגעקומען אויף דעם פלאץ אָן קיין שום הכנה פון פריער, ווייל די זון איז דאך פלוצלינג אונטערגעגאנגען. איז נאך וואס ער האט זוכה געווען צו אזא דערהויבענעם חלום האט ער פארשטאנען אז דאס איז גאר א הייליג פלאץ, האט אים לייד געטון **"ואנכי לא ידעתי"** - א שאָד איך האב דאס נישט געוואוסט פארדעם! ווייל ווען איך ווייס ווען פארדעם אז איך קום אויף אזא מקום קדוש, וואלט איך געמאכט א 'הכנה דרבה' אזויווי עס פאַסט, און גאנץ מעגליך אז אויף אזא מין אופן וואלט איך געקענט באקומען די נבואה בהקיץ ממש נישט נאר בחלום הלילה.

•

**וַיְהִי בָעֶרֶב וַיִּקַּח אֶת לֵאָה בִתּוֹ וַיָּבֵא אֹתָהּ אֵלָיו וַיָּבֹא אֵלֶיהָ.** (כט, כג)

**"ויהי"** איז א לשון צער, ווייל מיט'ן אויספאפן יעקב געבנדיג לאה אנשטאטס רחל האט דא לבן גורם געווען גרויס צער פאר דעם צדיק יעקב אבינו. ווייל וויבאלד יעקב אבינו האט געמיינט אז ער האט חתונה מיט רחל און למעשה איז דאס געווען לאה האט דאס פוגם געווען אין די קדושה. דאס האט גורם געווען אז ראובן זאל פארלירן די בכורה, כהונה און מלכות, און ער זאל נישט באקומען פי שנים פון די ירושה, און די שוואכקייט וואס איז געווארן צוליב דעם אין די בחינות הקדושה פון יעקב אבינו האט אים געשאפט גרויס צער.

•

**וַיִּחַר לְיַעֲקֹב וַיָּרֶב בְּלָבָן וַיַּעַן וַיֹּאמֶר לְלָבָן מַה פִּשְׁעִי מַה חַטָּאתִי כִּי דָלַקְתָּ אַחֲרָי.** (לא, לו)

**"וירב בלבן"** מיינט צו זאגן אז יעקב אבינו האט אריינגעזאגט פאר לבן **צווישן פיר אויגן** - נישט קעגן אנדערע מענטשן, היטנדיג דערמיט אויף זיין שווער'ס כבוד אז ער זאל נישט פארשעמט ווערן פון זיין תוכחה.

## הלכה ודרוש

### למה לא הועיל נדרו של יעקב במחשבה

**וַיִּדַּר יַעֲקֹב נֶדֶר לֵאמֹר.** פֵּרוּשׁ, שֶׁהוֹצִיא הַנֶּדֶר בִּשְׂפָתָיו, כִּי זוּלַת זֶה, נֶדֶר בַּלֵּב אֵינוֹ נֶדֶר (כח כ).

הקשה בכלי חמדה (אות ב'), דהא קיי"ל (שבועות כו, ב) דבקדשים מהני אף מחשבה, מדכתיב "כל נדיב לב עולות", וא"כ יעקב אבינו שהקדיש לגבוה, כמו שאמר "עשר אעשרנו לך", היה מועיל נדרו אף במחשבה, ולמה כתב רבינו דנדר בלב אינו נדר.

וכתב לתרץ, דמה שחל הקדש במחשבה, זה אינו מדין נדר, ד"לא יחל דברו" כתיב, דהיינו דיבור דווקא. אלא מועיל מדין 'קנין', כיון דאמירה לגבוה כמסירה להדיוט. אלא שמדין קנין, הרי מועיל דווקא במקדיש דבר שבא לעולם, אבל במקדיש דבר שלא בא לעולם, לא חל מצד קנין, שהרי 'אין אדם מקנה דבר שלא בא לעולם'. ובכה"ג הוא חל משום נדר, כמבואר ברמב"ם (פ"ו מהל' ערכין הל' לב-לג). וראיה מהאי קרא, שיעקב הקדיש כל אשר יתן לו השם, שהוא דבר שלא בא לעולם. ולפי זה אתי שפיר, שמשום נדר גרידא לא מועיל במחשבה אלא בדיבור, וכנ"ל דכתיב "לא יחל דברו" דייקא. וכעין זה כתב ליישב בספר רינת יצחק (סורוצקין), דילפותא ד"כל נדיב לב עולות" אינו מדין נדר אלא חיוב מחודש מדברי קבלה. וכ"כ פירוש זה מדנפשיה בשו"ת בנין שלמה בחידושים עה"ת.

ובספר **יציב פתגם** (לכ"ק אדמו"ר מצאנז זצוק"ל) הוסיף, שתירוץ הכלי חמדה מרומז בלשון הפסוק עצמו, "וידר יעקב נדר לאמר", פירוש, היות שנדרו הועיל רק משום נדר בעלמא ולא משום קנין, לכן **לאמר** באמירה, ולא היה סגי במחשבה.

אולם **בקובץ הפרדס** (עלברג, שנה נ"ה סי' מ"ג) הקשה חכם אחד על הכלי חמדה, דלהדיא מבואר דלא כדבריו בטור (חו"מ סי' רי"ב) בשם תשובת הרא"ש, דכתב שם באדם שקנה קרקע אדעתא שיעשנו הקדש, ואחר שקנאו נמלך ולא רצה להקדישו. שאם קנה אדעתא שיעשנו הקדש, ולא הוציא מפיו כלום, הוי דברים שבלב, ואמר שמואל, גמר בלבו צריך להוציא בשפתיו, אע"ג דכתיב "כל נדיב לב עולות", הא אמרינן חולין מקדשים לא ילפינן, והאידנא כל הקדש דין חולין יש לו, עכ"ד. הרי דעכ"פ בהקדש ממש היה מועיל מחשבה כזו שכשיקנה הקרקע יקדישנו לגבוה, אע"פ שכעת הוא דבר שלא בא לעולם.

ולכן כתב לתרץ באופן אחר, דיעקב לא הקדיש לגבוה, אלא כדפירש הרד"ק בפירושו עה"ת, ד"עשר אעשרנו לך" היינו שיתן מממונו צדקה לעניים, ונקט רבינו כשיטת הפוסקים (בחו"מ שם, וביור"ד סי' רנ"ח סי"ג) דנדרי צדקה לא מהני במחשבה (וכבר העיר בזה בכלי חמדה).

כמו"כ הקשה בספר **אבן יהושע** (וייס) על סברת הכלי חמדה, דלא גרע מהאומר הרי עלי עולה דמהני במחשבה, שלכאורה הוא גם כשאין לו כעת בהמה. והביא מדברי **האבני נזר** (יור"ד סי' ש"ו) **והעונג יו"ט** (סי' קי"ז) דמה שהקדש מועיל במחשבה, אין הכוונה שחל קדושה על החפץ כמו כל מקדיש בהמה, אלא שחל חיוב על הגברא לקיים מחשבתו להביא קרבן. אך ציין שברש"י בקידושין (מא, ב) משמע להדיא דחל חלות הקדש על הבהמה. ובאמת האריכו בזה האחרונים, וכבר העירו מרש"י הנ"ל (עי' שו"ת בית שלמה יור"ד ח"ב סי' ק"ט, ובגליוני הש"ס קדושין שם, ואכ"מ). אך כל ענין זה אינו נוגע לדברי רבינו, שהרי כאן בלאו הכי לא היה ליעקב בהמה ברשותו, וכנ"ל דהוי דבר שלא בא לעולם, אלא כל הנידון על חלות הנדר על הגברא.

וכתב לתרץ באופן אחר, ע"פ מה שהקשה **הרמב"ן** (ריש פר' מטות) איך מהני נדרי הקדש, הלא אין נדר בקום ועשה. ותירץ שם, שכיון דסופו לחול על הבהמה, חל כבר הנדר מעיקרא. ולפ"ז יש לומר, שבאמת הדין שהאומר הרי עלי עולה חל מדין נדר, היינו דווקא כשיש לו כבר את הבהמה ברשותו דאז הוי נדרו כעין תחילת חלות על הבהמה, אבל בדבר שלא בא לעולם, לא יחול במחשבה בעלמא מדין נדר. אך העיר, דלמאי דקיי"ל דאפילו נדרי צדקה חלין במחשבה, בוודאי לא גרע מזה, וכן לא גרע מנדרי מצוה. וכבר הזכרנו מקודם (מהכלי חמדה וקובץ הפרדס) דאכן רבינו אזיל כשיטת הפוסקים דנדרי צדקה אינם חלים במחשבה.

**ובברכת שמעון** תירץ, ע"פ מה שכתב **המהר"י קורקוס** על הרמב"ם (הל' מעשה הקרבנות פי"ד הי"ב) דבנדר במחשבה מועיל רק לחייבו בדבר, אבל לאו לדבר תאחר ליכא אלא בנדר שנדרת בפיך. והנה יעקב אבינו נענש על איחור נדרו, כמבואר ברש"י פרשת וישלח (לה, א), וזה שכתב רבינו שבהכרח היה לו להוציא בפיו, כי זולת זה אינו נדר לעבור עליו בבל תאחר. ויש להמתיק דבריו, שיעקב רצה בדווקא לנדור נדר שעוברים עליו בבל תאחר, כדי שיהיה לו התחייבות גדולה יותר לקיים נדרו ולא יתרשל בו.

## אגדה וחסידות

### "האבן הזאת" היא האבן שתיה

**וְהָאֶבֶן הַזֹּאת וְגוֹ'.** יֵרָאֶה כִּי הִיא זוֹ אֶבֶן הַשְּׁתִיָּה (זהר ח"א עב.) שֶׁהִזְמִינָהּ לַמִּקְדָּשׁ (כח כב).

**בשפתי צדיקים** (דינאוויץ) העיר על לשון רבינו 'יראה' דמשמע שמדיליה הוא. וציין עוד, דכן כתוב בזוה"ק פר' נח (ח"א עב, א), ששאל השואל לרבי יהודה, על מה שאמר בפסוק זה "והאבן הזאת" וגו', דזהו האבן שתיה, האיך אפשר, והלא אבן שתיה עד שלא נברא העולם היתה, וממנה נשתל העולם, וכאן כתיב "אשר שמתי", דמשמע שיעקב שם לו עתה. ועוד שאל, שיעקב היה בבית אל, והאבן ההיא היתה בירושלים. ורבי יהודה השיב לו, שכיון שקיפל הקב"ה את כל ארץ ישראל תחת יעקב, נמצא שגם האבן הזאת היתה תחתיו.

וכן הביא **הרמב"ן** (לעיל פס' י"ז) **מהפרקי דרבי אליעזר** (פרק ל"ה): והביט יעקב וראה את השמש בא במערב, "וילן שם כי בא השמש", לקח יעקב שתים עשרה אבנים מאבני המזבח שנעקד עליו יצחק אביו ושם אותם מראשותיו וכו', השכים יעקב בבקר וכו', ושב יעקב ללקט האבנים ומצא אותן כולן אבן אחת, ושם אותה מצבה בתוך המקום, וירד לו שמן מן השמים ויצק עליה, שנאמר "ויצוק שמן על ראשה".

מה עשה הקב"ה, נטל רגל ימינו וטבע את האבן עד עמקי תהומות ועשה אותה סניף לארץ, כאדם שהוא נותן סניף לכיפה, לפיכך נקראת **אבן שתיה** ששם הוא טבור הארץ, ומשם נפתחה הארץ, ועליה היכל ה' עומד, שנאמר "והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהיה בית אלוקים". עכ"ל.

על כל פנים, בדוחק י"ל דעיקר כוונת רבינו אינה לחדש שזהו אבן השתיה, אלא לחדש שיעקב הזמין והכין אבן זו, כמו שסיים 'שהזמינו למקדש'. דפשטיה דקרא "יהיה בית אלוקים" הוא כפירש"י שיעקב נדר שיקריב שם קרבנות, ומה שדרשו בזוה"ק ובפדר"א מ"יהיה בית אלוקים" שהיא האבן שעליה עומד בית המקדש, הרי זה דרך דרש, אבל לא פירשו שעל זה היה הנדר של יעקב, שהרי דבר זה אינו בידו של יעקב לבנות את ביהמ"ק. אך רבינו מחדש שיעקב אבינו הזמין את האבן לבית המקדש, וזה גופא בכלל הנדר, שהאבן הזאת תהיה לבית המקדש. [ואחר דבריו אולי אפשר לפרש כן גם בדברי הזוה"ק].

### המקל נחשב כרגליו

**וַיִּשָּׂא יַעֲקֹב רַגְלָיו.** נִתְכַּוֵּן בָּזֶה כִּי עָנִי הָיָה וְלֹא הָיָה לוֹ לִשָּׂא רַק רַגְלָיו (כט א).

**בשערי אורה** (תשע"ז) העיר, דהגם שהיה עימו גם מקלו, כדכתיב בפרשת וישלח (לב, יא) "כי במקלי עברתי את הירדן", ופירש רש"י, לא היה עימי לא כסף ולא זהב ולא מקנה אלא מקלי בלבד. מ"מ חזינן שאונקלוס שם תרגם 'ארי יחידי', הרי שהמקל נחשב כחלק מגופו.

ועיין בגמרא שבת (קנב, א): אמר ליה רבי לרבי שמעון בן חלפתא, מפני מה לא הקבלנו פניך ברגל כדרך שהקבילו אבותי לאבותיך, אמר ליה 'משתים נעשו שלש', ופירש"י, שצריך אני משענת. הרי שהמקל נחשב כמו רגל שלישית שלו, ואתי שפיר דברי רבינו דאכן לא היה לו לישא אלא את רגליו וגם המקל בכלל רגליו. ומדוייק בזה הלשון "**וישא** יעקב רגלו", כי את המקל שהוא כרגלו הוא צריך לאחוז וליטול בידו.

מתיקות ועריבות טוב התורה

מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.
להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

# אור החיים' – ספרו הקדוש על התורה

## מאמרים משובבי נפש להתלהט ולהתקדש בלימוד אור החיים הקדוש

### לֵאור באור החיים

לאחר פטירת הרה"ק רבי יוסף מאיר ממחנובקה זי"ע, בא בנו כ"ק האדמו"ר רבי אברהם יהושע העשיל זצוק"ל לקבל סמיכה מדודו-זקנו הרה"ק רבי דוד מסקווירא זי"ע. בין הדברים אמר לו בשם אביו, הרה"ק רבי יצחק מסקווירא זי"ע, שאמר:

"אין די יונגע יארן האב איך געלערנט אסאך בספר 'אור החיים' הקדוש, ווייל ווי קען א איד זעהן דער אור החיים אז מ'לערנט נישט דעם 'אור החיים' [- בשנות צעירותי למדתי הרבה בספר 'אור החיים' הקדוש, שכן כיצד יכול אדם לראות את אור החיים בלי ללמוד בספר 'אור החיים'...]

והוסיף: "אויף די עלטערע יארן האב איך זיך א נעם געטון צום 'מאור עינים'. דארט זעט מען דאך ממש ווי מ'איז גארנישט" [- בשנות בגרותי לקחתי עצמי לספר 'מאור עינים', בו רואים ממש כמה שאנחנו כלום] (מקור: 'ילקוט מאורי אור', מפי כ"ק האדמו"ר מסקווירא שליט"א, ששמע מאביו כ"ק האדמו"ר רבי יעקב יוסף מסקווירא זצוק"ל).

איברא, גם בשנות זקנותו הקפיד להגות ב'אור החיים' הקדוש מדי ליל שבת, במשך שעתיים לפחות, כאשר יסופר: שבעה חודשים קודם פטירתו, בליל שבת קודש פרשת עקב תרמ"ד, קרא לבניו ושאל, האם למדו את דברי רבנו ב'אור החיים' הקדוש על הפסוק (דברים ט, א) "שמע ישראל אתה עובר היום את הירדן", שביאר בזו הלשון:

"אומרו 'שמע ישראל', פירוש: תנו דעתכם למאמר זה שאני אומר לכם 'אתה עובר', מה רצוני לומר לכם בזה 'אתה עובר'. והַשכילו כוונתי במאמר זה מה הוא. והוא עליו השלום נתכוון להעירם על מה שאירע אליו שהוא אינו עובר, ולזה אמר 'אתה', לומר ולא אני, והטעם כאומרם ז"ל (דברים רבה ג, יא) וזו לשונם: 'לפתוח להם פתח שיבקשו עליו רחמים' עד כאן". התכוון הרה"ק מסקווירא לעורר את בניו ולבקשם שיתפללו בעדו, אך לא הבינו כוונתו ולא ירדו לסוף דעתו. לאחר שנפטר, התבטא בנו הרה"ק רבי נחום מסקווירא זי"ע ואמר: "על דא קא בכינא". ולאחת הגרסאות, אף לאחר פטירתו לא נזכרו בניו באותו מעשה, עד לשנה הבאה בה הגה בנו בחומש שנפל לו בירושה מאביו, וכשהגיע לפרשת עקב ראה שקיפל וסימן באותו דף.

בעל התשובה המפורסם הרה"ק רבי חיים דוד דאקטור זי"ע [שאביו שהתגורר בזאלושין שבפולין - אדם פשוט היה, אך לפי מסורת מקובלת התברך מפי הרה"ק הרבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע בבן שיאיר את העולם - כשכר על מצות פדיון שבויים שהתגלגלה לידיו וקיימה. בצעירותו, נשלח כעילוי ללמוד בפיעטרקוב, שם נלכד בשחיתותיו של הרופא המשכיל של העיר, ובעידודו עקר מפולין לברלין שבגרמניה כדי להשתלם ברפואה. משהתפרסם כמומחה בקסרקטיני הלגיונות הפרוסיים, הובא לברלין והתמנה לרופאו האישי של הקיסר פרידריך וילהלם השלישי. למזלו, בארמון המלוכה התחתן עם בת למשפחה יהודית - בתו של הבנקאי שמואל הלוי לנדו מברסלוי - ולא התבולל עם בת נכר. לאחר שנוסדה 'דוכסות וורשה' - בשנת תקס"ז, בעקבות כיבושיו של נפוליאון בונאפרטה - התבקש על ידי הדוכס (מלך סקסוניה, פרידריך אוגוסט, בן בריתו של נפוליאון) לשמש כרופא הראשי שישרת בחלונות הגבוהים ויעמיד תלמידים שינצרו מורשתו. משנכבשה הדוכסות - לאחר כשלון פלישת חיילי צרפת לרוסיה, בשנת תקע"ב - החליט 'קונגרס וינה' למסור את הדוכסות לרוסיה, כמדינה עצמאית למחצה, וורשה הפכה להיות בירת 'פולין הקונגרסאית' הנתונה לשלטון הצר הרוסי. וד"ר ברנהארד - על מכונו נותר. באותה תקופה התעצם כוחו של חוג היהודים המתבוללים וד"ר ברנהארד נמנה עליו.

באחד הימים נתקל בהרה"ק רבי דוד מלעלוב זי"ע, שקירבו והרעיף עליו חיבה, ואף יעץ לו שבעת צרה ינדב מטבע לצדקה. לאחר זמן קצר נקלע לצרה צרורה, ועמדה לו אותה עצה להינצל. בשובו ללעלוב, סח את קורותיו ואמר כי קושיות באמונה הסיתוהו מדרך הישר. הורה לו הרה"ק מלעלוב שירצה קושייתו הראשונה ויישבה באזניו על אתר. כשביקש תשובות ליתר קושיותיו - שבע עשרה במספר - נטלו הרה"ק מלעלוב והביאו אל רבו הרה"ק רבי יעקב יצחק 'החוזה' מלובלין זי"ע. הראה לו הרבי מלובלין פנים זעופות עד כי נסתתמו טענותיו ולא העז לפצות פיו. רק כשנואש ובא לבקש ברכת פרידה, שמע את הרבי מלובלין מסתובב בחדרו וסח:

"כשליהודי יש קושיא פלונית באמונה, יש להשיב לו" ומנה את שבע עשרה קושיותיו ויישבן עד לאחת. אף זאת מסופר, כי באמרה חריפה אחת הפך הרה"ק מלעלוב את כל עולמו. "הרי אם תחזור בתשובה שלמה" - פנה ואמר לו - "אין לשער ולתאר את גודל הנחת רוח שתגרום לאבינו שבשמים". נכנסו הדברים בלבו כארס של עכנאי, ועל אתר החליט להמיר דרכיו מן הקצה אל הקצה. הרה"ק מלעלוב המשיך להדריכו, עד כי קודם הסתלקותו התבטא הרה"ק מלעלוב, כי זו היתה שליחותו בהאי עלמא, להשיב בתשובה את הרה"ק רבי חיים דוד דאקטור.

בה בעת שזנח את דרכי ההוללות וסיגל הנהגות של פרישות וסיגוף, המשיך לשמש כרופא מהולל בשירות בית המלוכה, ובמקביל התבקש לסייע ברפואתם של צדיקי הדור - כהרה"ק רבי יעקב יצחק מלובלין זי"ע, הרה"ק רבי ישראל המגיד מקאזניץ זי"ע, הרה"ק רבי יעקב יצחק מפרשיסחא זי"ע ותלמידיו הרה"ק רבי שמחה בונם מפרשיסחא זי"ע והרה"ק רבי מנחם מנדל מקאצק זי"ע, הרה"ק רבי ישכר בער מראדושיץ זי"ע והרה"ק רבי מרדכי יוסף מאיזביצה זי"ע ואחרים. רבים כינוהו 'האדמו"ר הרופא', למרות שסירב לבקשת חסידים שפנו אליו לאחר פטירת הרבי מלובלין (את הפונים שלח להרבי ר' בונם מפרשיסחא, באומרו במליצה: "אינכם זקוקים לרופא, די לכם ברוקח" (מקצוע בו התמחה הרה"ק מפרשיסחא). הוא אף המשיך להתהלך במלבוש אירופאי שעה שעסק ברפואה. איברא, למרות שלא הנהיג עדה ולא ערך שולחנות, הסכים לקרוא פתקאות ונודע כפועל ישועות.

בשנת תקע"ו עבר מזאלושין לראדומסק, הסמוכה לפיעטרקוב, מערי המושב הגדולות בפולין, בה שימש כרופא הראשי בבית החולים העירוני. הוא סירב לבקשת הנציב הרוסי בפולין לעמוד בראש שירותי הבריאות, וזאת כמחאה על תנאי החיים הנמוכים של אחיו היהודים. כשהתגורר בראדומסק ובפיעטרקוב ראה עצמו כחסידו של הרה"ק בעל ה'תפארת שלמה' מראדומסק זי"ע, והוא ראהו כ'תלמיד חבר' והפליג בשבחו. עשרים שנה לאחר פטירתו, בכ' בשבט תרי"ח, הקימו אוהל על קברו שבבית החיים בפיעטרקוב ורבים נהרו למקום מנוחתו].

בימי מחלתו האחרונה בא לבקרו הרה"ק רבי שלמה מראדומסק זי"ע, ומצאו שהוא נאנח ביגונו. לשאלת ה'תפארת שלמה' לסיבת אנחותיו, השיב רבי חיים דוד: "מתייסר אני על כל אותן השנים שהעברתי לריק". ביקש ה'תפארת שלמה' לנחמו ואמר בלשון הכתוב (במדבר ו, יב) "והימים הראשונים יפלו". התרומם רבי חיים דוד ממשכב חליו ואמר ברגש:

"אנו מבקשים שיקומו הימים הראשונים, ובזכות הספר 'אור החיים' הקדוש שאני הוגה בו בכל ליל שבת - מקווה אני שיקומו". (מקורות: 'בית דלי' (בני ברק תשד"ם) להרה"ח רבי יצחק דוד לידר זצ"ל (ושם הרחיב בסיפור התקרבותו, כפי שסיפר הרה"ק בעל ה'ישמח ישראל' מאלכסנדר זי"ע); קונטרס 'תפארת בנים אבותם', בספר 'תפארת בית דוד' להגה"צ רבי משה יאיר ויינשטוק זצ"ל; בספר 'החסידות' לרבי אהרן מרקוס ז"ל (תלמידו של ה'תפארת שלמה') מובא שתלה דבריו בזכות שהספר 'אור החיים' הקדוש שגור על שפתיו כלשונו. וכן בשיחת כ"ק האדמו"ר רבי חי יצחק מרחמסטריווקא-ארה"ב זצ"ל, בשם הגה"ח רבי משה שלמה ווייס-בטלן זצ"ל).



# דער בוים וואס איז געקומען עדות זאגן...

אין די וואכעדיגע פרשה זאגט אונז די תורה וויאזוי יעקב אבינו - דער **"איש תם"** - און ווי רש"י הק' זאגט: **"מִי שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לְרַמּוֹת קָרוּי תָּם"**, איז זיך אומגעגאנגען מיט זיין שווער לבן, טוענדיג פארשידענע כיטרע אקטן צו ראטעווען זיין פארמעגן פון די בלאפערישע הענט פון לבן דער רמאי.

אין אלע דורות זענען אין כלל ישראל געווען צדיקים **"איש תם יושב אהלים"** וואס זענען געזיצן און עוסק געווען בתורה מיט די גרעסטע ריינקייט און גראדקייט, אבער ווען עס האט זיך געהאנדלט קעגן א בלאָפער האבן זיי ארויסגעוויזן א געוואלדיגע פיקחות, וויסנדיג וויאזוי זיך אומצוגיין אויך מיט אזעלכע פארשוינען, אזויווי עס שטייט אין פסוק (תהלים יח, כז) **"עִם עִקֵּשׁ תִּתְפַּתָּל"**.

אזוי איז געווען אין דער צייט ווען דער אור החיים הקדוש האט געוואוינט אין סאלי דינענדיג דארט אלס הויפט רב, איז איין ערב שבת פארביי געפארן דארט א רייכער סוחר וואס האט געטראגן מיט זיך א גרויסע טאשקע פון געלט און פארשידענע אנדערע ווערדפולע חפצים. אזויווי ס'איז געווען ערב שבת נאך חצות היום, האט זיך דער סוחר אפגעשטעלט אין שטאט, און ער איז צוגעפארן צו א אכסניא, פרעגנדיג אויב ער קען באקומען א צימער צו וויילן ביז איבער שבת. דער בעל אכסניא האט העפליך אויפגענומען דעם חשוב'ן גאסט צוגרייטנדיג א באקוועמען שטוב על צד היותר טוב.

נאך וואס דער סוחר האט זיך איינגעארדענט, האט ער געבעטן פונעם בעל אכסניא פונקטליכע אנווייזונגען וויאזוי מ'קומט אן צום אכסניא, ווייל ער האט נאך צו ערלעדיגן אפאר זאכן אין שטאט פאר שבת. גלייכצייטיג האט ער געבעטן דעם בעל אכסניא צו נעמען זיין טאשקע און עס אוועקלייגן אויף אן אפגעהיטענעם ארט, ווייל ער וויל זיך נישט דרייען אין שטאט מיט אזויפיל געלט.

דער שבת איז אריבער זייער באַ'טעמ'ט, און מוצאי שבת ווען דער סוחר האט זיך געגרייט אין וועג אריין האט ער זיך באדאנקט פאר'ן בעל אכסניא בעטנדיג אז ער זאל אים ברענגען זיין טאשקע מיט געלט וואס ער האט אוועקגעלייגט ביי אים ערב שבת.

דא האט דער גאסט געבער אנגעשטעלט א תמ'עוואטער פנים: "וועלכע טאשקע?!"

"די טאשקע מיט די געלט!" האט דער סוחר געשריגן, כאפנדיג אז ער איז דא אריינגעפאלן מיט א נידערטרעכטיגער שווינדלער אָן קיין עדות וואס זאלן אים שטיין צו הילף.

"אנטשולדיג מיר, אבער איך ווייס נישט פון וואס דו רעדסט!..." האט דער בעל אכסניא קאלט געענטפערט. רעד נישט קיין נארישקייטן, ביטע נעם דיינע זאכן און זיי מצליח.

מיט א צובראכן הארץ איז דער סוחר אריבער צום בית דין שטיבל וואס איז אנגעפירט געווארן דורכן אור החיים הק', און געלאזט רופן דעם בעל אכסניא אויף א דין תורה.

נאכן אויסהערן דעם סוחר'ס טענות, גיבט דער אור החיים הק' א פרעג פונעם בעל אכסניא: "נו, וואס האסטו צו זאגן אויף דעם?"

"א געמיינער כפוי טובה!" האט זיך דער בעל אכסניא צושריגן. "ער שעמט זיך נישט?! נאך וואס איך נעם אים אריין צו מיר אין הויז און גיב אים צו עסן און צו טרונקען כיד המלך, איך שטעל אים צו א באקוועמען געלעגער, שענקט ער מיר דאס צוריק?! א שאָד איך האב אים אריינגענומען! שעמען זאל ער זיך!..."

רואיגערהייט דרייט זיך אויס דער אור החיים הק' צום גאסט, און פרעגט: "האסטו אפשר עדות אז דו האסט אים געגעבן דיין טאשקע?"

"ניין," ענטפערט דער סוחר, "איך בין אנגעקומען פרייטאג מיטאג, און איך האב עס אים געגעבן שטייענדיג אונטער א בוים ביי אים איו הויף..."

"זאגסטו דאך אז דאס איז געווען אונטערן בוים, אויב אזוי גיי אריבער צום בוים און רוף אים אהער צום דין תורה..."

דער סוחר האט נישט פארשטאנען וואס דאס דארף צו מיינען, אבער מיט גרויס אמונת חכמים איז ער ארויס פון בית דין שטיבל גייענדיג רופן דעם בוים צום דין תורה... ווער ווייסט? טראכט ער צו זיך, אפשר קען דער רב באווייזן אזעלכע מופתים ווי אויסרייסן א בוים פון פלאץ און עס אהער ברענגען?!...

ביז ווילאנג דער סוחר איז געגאנגען ברענגען דעם בוים, האט זיך דער אור החיים הק' געוואָנדן צום בעל אכסניא פרעגנדיג: "וואס זאגסטו, ס'וועט נאך נעמען לאנג ביז ער וועט דא אהער ברענגען דעם בוים?"

"יא, געוויס וועט נעמען היבש לאנג ביז ער וועט צוריקקומען, דער בוים איז דאך א גוט שטיקל מהלך פון דא..." האט דער בעל אכסניא געענטפערט.

"איין מינוט... ס'טייטשט דו ווייסט יא פון וועלכע טאשקע ער רעדט, דו ווייסט אפילו צו זאגן וואו דער בוים געפונט זיך?!..." האט דער אור החיים הק' פארגעהאלטן דער בעל אכסניא, וועלכער האט מאמענטאל פארלוירן דאס לשון, און אן קיין צוויי ברירות זיך מודה געווען אין די גניבה.

א ווײלע שפעטער האט דער אור החיים הק' געשיקט רופן דעם סוחר וועלכער איז געשטאנען און פרובירט צו רעדן צום בוים, זאגנדיג פאר'ן סוחר: דא האסטו דיין טאשקע! דער בוים האט שוין עדות געזאגט...

אויפן פארלאנג פונעם ציבור, האבן מיר זיך בס"ד לעצטנס שטארק פארברייטערט מיטן דרוקן און מפיץ זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזויווי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער צו געבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998

אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com

פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע דעם גליון, קענט איר רופן:

הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839

וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א
מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com